שבת קודש אין גן עדן

מקדש מלך:

א מעשה וואס האט זיך געטראפען בזמן הרב
הגאון הצדיק ר' מ' בעל המחבר מקדש מלך.

הערויס געגעבען

פאן ר' יעקב מארגענ
הנקרא יעקיל לעהרער

ווילנא

ШАБОТЪ ИНЪ ГАНЪ ЕДЕНЪ
т. е. Суббота въ Раю.

ВИЛЬНА.

335

ВИЛЬНА.

Электро-тип. И. А. Каценеленбогена, Большая 6

1912.

אנוצליכער בוך פיר יעדען אידען

די ענגלישע מעטהאדע פון
נָחוּם סאָקאָלאָוו (רעדאַקטאָר פון „הצפירה")

איז דער בעסטער לעהר=בוך אין אידיש גאַנץ לייכט אויסצו=לערנען זיך אין אַ קורצע צייט, אָהנע הילפע פון אַלעהרער: לעזען, שרייבען. אונד שפּרעכען ענגליש.

קיין מעטהאָדע, צו לערנען ענגליש אין אידיש, האָט ניט געהאַט אזאַ גרויסען ערפאָלג אין רוסלאַנד אונד אין אַמעריקאַ וויא: סאקאלאווס „ענגלישע מעטהאדע", וועלכע איז אָבגע=דרוקט געוואָרען אין 20 אויפלאַגעס אין זעהר אַקורצע צייט.

? ווייסט איהר פאַר וואָס ?

—ווייל סאקאלאווס „פּראקטישע ענגלישע מעטהאדע" מיט איהר קינסטליכע אוסאַרבייטונג און צוזאַמענשטעלונג מיט איהר ריינע אונד לייכטע אידישע שפּראַך אונד מיט אַלע איהרע איבעריגע מעלות, שטייגט אַריבער אַלע אנדערע מעטהאָדעס.

יעדער, וואָס דיינקט רייזען נאָך אַמעריקאַ אונד אַפריקאַ, דאַרף וויסען אַז איהם ערוואַרטען ביין אָנקומען דאָרט גרויסע שוועריגקייטען פון דעם, וואָס ער וועט מיט קיינעם ניט קאָהנען זיך צוזאַמענריידען.
! וויל מען אויסמיידען די שוועריגקייטען האָט מען נור איין מיטעל:
איינשאַפען זיך בעצייטענס סאָקאָלאָווס ענגלישע מעטהאָדע

סאָקאָלאָווס ענגלישע מעטהאָדע קאָסט ביליג:

~~~~~~~ בלויז 30 קאָפּ ~~~~~~~

! בוכהענדלער און לעהרער. בעקומען אגרויסען ראַבאַט !

וענדען זיך לויט דעם אַדרעס:

Вильна, Тип. и книж. магаз. Исаака Функа, Нѣмецкая ул. д. № 12
~~~~~~~

אונ האט זייא סבטים געוועזען דאס באלד נאך דיא
שבעה ווירד דער געשטארבענער צדיק צוא חלום
קומען • יעדען בעזונדער • עס איז אויך אזויא געוועזען •
נאך דיא שבעה איז ער צוא חלום געקומען ערשטענס
צוא זיין הויז געזונד • דערנאך צום רב אונ צוא דיא
לומדים פון דיא שטאט • אונ האט צוא זייא אזויא
געזאגט • געדענקט אן גאט • אונ זייט נוהג כבוד אן
דעם צדיק • דען ער איז איין יחיד צווישען אלע צדיקים
עליונים ותחתונים • ער האט מיך מציל געוועזען פון
גיהנם • אונ עמיץ זאלט איהם בעטען דאס ער זאל
ענק בענשען • דען נוען ער ווירד אייך איבער לאזען
איין ברכה • זא איז עס מקוים • אונ אויך מיינע
קינדער זאל ער בענשען • מען האט אויך אזויא געטאן
אונ דער צדיק האט אלע געבענשט • אונ דיא קינדער
פון דעם געשטארבענען האט ער געבענשט מיט תורה
וגדולה • אונ ער האט ע"ה אפ געזעגענט מיט אלע אונ
איז בשלום אוועק • אונ דיא קינדער פון דעם געשטארבענען
זענען געווארען גרויסע לומדים אונ צדיקים אונ חסידים
אזויא וויא דער מקדש מלך האט זייא געבענשט •
אונ דער זכות פון דעם צדיק מקדש מלך אונ פון
אלע צדיקים זאל אונז בייא שטיין לעולם ועד אמן •

ענדע

אין דער צייט פון דעם גרויסען צדיק מקדש מלך איז געוועזען דער מנהג אין דעם גאנצען לאנד וויא ער האט געוואהנט דאס ווען איינער האט עטוואס געברויכט געהאלפען צוא ווערדען. פון איין קראנקהייט. אדער פון איין אנדערע צרה ח״ו. זא האט מען ניכט געוויסט וויא צוא גיין נאר צום היילעגען צדיק מקדש מלך. דען ער וואר ניכט ח״א איין אנדערער מענטש. ער וואר וויא איין מלאך אלהים. אונ דיא גאנצע וועלט האט געבעטען פאר זיין לעבען דען אלע האבען געלעבט אין זיין זכות. אונ ער וואר מייסטענס אונטער וועגענס. דען ער האט געליטען גלות. אונ וויא עס איז געוועזען א חולה. אדער א יולדות. אדר א שום דבר סכנה. האט ער אלץ געהאט אויף זיינע געדאנקען. אונ האט פאר אלע מתפלל געוועזען. אונ אלע זענען אין זיין זכות געהאלפען געווארען.

אונ זיין מנהג וואר זא. וויא ער איז געוועזען דאנערשטאג מיטאג. דארט איז ער שוין געבליבען שבת. הן אין א שטאט. והן אפילו אין א דארף. איז ער שוין פון דארט ניט אוועק געריוזט נאר דארט האט ער שוין שבת געהאלטען. אזויא איז געוועזען ווי לאנג ער האט געלעבט.

איין מאל האט זיך געטראפען. ער האט געמוזט דאנערשטאג אוועק רייזען פון א שטאט. דען עס איז געוועזען אין דעם זעלבען לאנד גרויסע מלחמות. אונ דיא שטאט וואר זעהר אין א גרויסע סכנה פון וועגען דער מלחמה. זא האבען אלע איינוואהנער געמוזט ארויס לויפען אוים דער שטאט. זא האט דער צדיק מקדש מלך אויך געמוזט פארט לויפען.

ער איזט דאנערשטאג נאך מיטאג ארויס פון דיא שטאט.

אונ איז געלאפען . ביז ער איז געקומען אין וואלד . ער וואר זעהר מיד אונ וואר גאנץ אליינס אין וואלד . ער האט ניט געהאט קיין גאר פחד אונ קיין שרעק . ער האט נאר פאר דעם איינעם זעהר געשראקען דאס ער זאל ניכט בריכען חו שבת צוא בלייבען אין ווילדען וואלד . ער איז אנטשלאפען געווארן . ער האט אבער נעבעך ניט געקענט שלאפען . ער האט יעדע מינוט געשריגען שבת . שבת . אוי וויא וועל איך בלייבען דעם היילינען טאג שבת .

עס איז נאר טאג געווארען איז ער אויף געשטאנען אונ געדאווענט אונ האט אן געהויבען צו גיין גאנץ געשווינד . ער האט זיך געטראכט דאס וואלד וועט זיך דאך באלד אויס לאזען . זא וועט דאך ערגעץ זיין ניכט ווייט איין שטאט . אדער אפילו א דארף דאס איך וועל קענען שבת האלטען . בקיצור ער איז נעבעך געלאפען מיט אלע קרעפטען דאס דער שווייס האט זיך נעבעך פון איהם געגאסען . בקיצור ער לויפט אונ לויפט עס איז שוין א שטיק נאך מיטאג . מען זעהט קיין שטאט מען הערט קיין שטאט . וואלד איז ווייטער וואלד . אונ עס איז קיין וועג קיין שטעג . נאר גידעכטע וואלד מיט גרויסע ווילדע גרעזער . בקיצור ער איז געגאנגען ביז שוין גאנץ שפעט . ביז ער האט געזעהען מען טאר שוין ניכט גיין . דען עס איז שוין זמן מנחה . זא האט ער זיך געשטעלט מנחה דאווענען . אונ האט געדאווינט מיט זעהר גרויסע זיפצען אונ וויינען . דען זיין הארץ וואר איהם זעהר פערביטערט דורך דעם היילינען שבת . דען דער מינדעסטער ייד האט גרויס צער ווען עס איהם הז אזויא א סיבה טרעפען זאל אין ווילדען וואלד שבת צוא בלייבען . מכ"ש זא איין צדיק וויא דער היילינער מקדש מלך .

ווער עס האט געזעהען דאס היילינע ספר מקדש מלך . דער וואס פארשטייט דאס ספר מקדש מלך . דער קען וויסען וואס פאר א צדיק ער איז געוועזען .

וויא ער האט אויס געדאווינט מנחה . איז נאך געוועזען א האלבע שעה צו נאכט . זא האט ער אנגעהויבען ווידער צו וויינען . אונ האט געזאגט (צדיק ד' בכל דרכיו) דאס איז טייטש גאט איז גערעכט מיט אלע זיינע וועגען . איך בין ניכט חו מהרהר . מן השמים בין איך ניכט בעסער ווערט . ווער ווייס פאר וואס מען שטראפט מיך זא פון הימעל . ווער ווייס וויא גרויס מיינע חטאים זיינען .

דאן האט ער אויף געהויבען זיינע [illegible]

[illegible]

הימעל. אונ האט געזאגט רבונו של עולם דוא ווייסט דאך גוט וויא איך האב פון קינדהייט ביז הייטע געהיטען דיין הייליגען שבת. אונ דוא הייסט דאך אל רחום וחנון. ערבארעם דיך דאך איבער מיר אונ טוא מיר א נס. אונ טאטער בין איך ניכט ווערט צוא איין נס, זא טוא עס אין דעם זכות פון דיינע הייליגע שעפעלעך. דאס זענען דיא מאנען אונ דיא ווייבער אונ דיא קינדער פון דיין פאלק ישראל. וואס איך בעט טאג אונ נאכט פאר זייערט וועגען אונ דיא בעטען אויך פאר מיין לעבען. אללא זאל מיר זייער זכות ביא שטיין עס זאל מיר געשעהען א נס

נאך דער תפלה. איז ער א ביסעל ווייטער געגאנגען. אונ עס וואר אויף די פרייע וועלט נאך ניכט פינצטער. נאר אין גידיכטען וואלד וואר זעהר פינצטער ער האט אלץ אנידער געלייגט ביא איין בוים. וואס ער האט געהאט. דען שבת טאר מען דאך שוין ניט טראגען.

אונ ער איז געגאנגען לערך הונדערט טריט האט ער דערזעהן ניט ווייט האט גלויכטען אין א פענצטער אין מיטען וואלד. איז ער מתחלה ערשראקען געווארען. דען ער האט זיך געטראכט ווער וואהנט דען דא אין מיטען וואלד. געוויס גזלנים. דאך אבער האט ער זיך מיישב געוועזען איך וועל אהין גיין זעהען פון ווייטען. טאמער וואהנען ניט גזלנים נאר פראסטע מענטשען. דאס איך וועל פאר רחמנות קריגען וואסער צו וואשען. אונ אפשר וועט מען מיך דא לאזען נעכטיגען.

ער גייט אהין. ער ערזעהט א זעהר גרויסען שרעקליכען פאלעץ זעהר הערליך. דאס ביא קיין מלכות קען קיין גרעסערער אונ שענערער פאלעץ ניט זיין. דיא קלאמקעס פון דיא טויערען האבען געלויכטען וויא בריליאנטען. עטליכע הונדערט פענצטער האבען זא שרעקליך געלויכטען וויא דיא זון אין מיטען הימעל.

ער גייט אונ מאכט אויף דיא קלאמקע. אונ גייט אריין אין טויער. ער האט זיך ניכט געקענט פר וואונדערען אויף דעם שיינהייט פון איננווייניגען אריין גאנג. דאס דיא ווענד האבען געבלאנקט וויא איין בליץ. עס ווארען אויף יעדער זייט מעהר וויא הונדערט טיהרען צום עפענען. יעדע טיהר האט געהאט איין אנדער געשטאלט אונ פאר יעדע טיהר זענען געשטאנען אנדערע חיות אויס לויטער פייער מיט אלערליי פארבען. אונ פאר יעדער טיהר האט גלויכטען לאמפען שענער וויא דיא שיינע זון אין הימעל ער האט זיך משער געוועזען

דאס

דאס דא וואזיגע קיינע גזלנים ניט . בקיצור ער האט אויף גימאכט דיא ערשטע טיהר . אבער מיט גרויס שרעק . וויא ער איז אריין געקומען אין ערשטען חדר האט ער ערזעהען א פולע שטוב מיט ליכט וואס האבען געלויכטען וויא דיא ליכטיגע שטערען און פיל מיט טישען צוא טיש געגרייט . און ארום און ארום שענק מיט ספרים . און ווער איז דען אין שטאנד צו ערצעהלען דאס שענהייט פון דעם חדר . אבער קיין מענטש האט ער ניט געזעהען נאר איין טיהר האט ער געזעהען וואס גייט אריין אין איין אנדער חדר . ער האט אויף געמאכט דאס אנדערע חדר . עס וואר זיבען מאל גרעסער אלס דאס ערשטע . און אויך זיבען מאל שענער . און אויך ספרים מיט טישען מיט לייכטערס . אבער אויך קיין מענטש . בקיצור ער איז א דורך געגאנגען זעקס חדרים איטליכעס וואר זיבען מאל גרעסער און שענער וויא דאס פאריגע .

וויא ער איז אריין געגאנגען אין זיבענטען חדר . איז ער זעהר ערשראקען און זעהר פערווינדערט געבליבען . ערשטענס דאס גרויסהייט און שענהייט און ליכטיקייט פון דעם חדר איז אונמעגליך צוא ערשרייבען און צו ערצעהלען . אין מיטען איז געשטאנען א זעהר גרויסער טיש בעדעקט מיט איין טישטוך אויס לויטער גאלד און מיט לויטער בריליאנטען אויס געהאפטען . און מיט גילדענע לייכטער און צווייא העריליכע שטולען אויס לויטער גאלד זענען געשטאנען בייא דעם טיש . אויף איין שטוהל איז געזעסען איין זקן ושבע ימים דאס הייסט איין אלטער גרייז גראהער מאן מיט איין גרויסע שיינע גראהע באהרד און בעקליידעט בבגדי שבת . און זיין פנים האט געלויכטען וויא דיא זון . אזוויא א שיינער מענטש איז אין דער וועלט ניכט צוא געפונען . דער זקן האט געזאגט תיקון שבת . און דער אנדערער שטוהל איז געשטאנען ליידיג . און בייא דיא טיהר איז געשטאנען אויך א זקן ושבע ימים אויך בעקליידעט בבגדי שבת . נאר ניט אזוויא וויא דער ערשטער .

און וויא דער הייליגער צדיק מקרבש מלך איז אריין געקומען האט איהם דער זקן פון דיא טיהר אן גענומען בייא דיא האנד און האט איהם ארויס געפיהרט . און האט געזאגט האב קיין מורא . קום מיט מיר ער האט איהם געפיהרט אין א מקוה און האט געזאגט וויא דיך טובל לכבוד שבת . דער צדיק האט זיך טובל געוועזען . און האט ניט געקענט אויס האלטען דעם גרויסען תענוג פון דער מקוה ער האט פון דעם טובלען געשפירט טעם גן עדן .

וויא

א ער איז פון דער מקוה ארויף געקומען . האט אידם דער זקן געגעבן בגדי שבת פון קאפ ביז פוס . אונ האט געזאגט זייא דיך מתלבש בבגדי שבת . דאס הייסט טוא דיך אן קליידען דיא קליידער פון שבת . ער האט זיך אן געקלייד דיא שבת קליידער . אונ דער זקן האט אידם געגעבן צו וואשען אונ א האנדטוך אלץ זעהר הערליך . אונ האט אידם צוריק אריין געפיהרט אין יענעם חדר וויא יענער זקן איז געזעסען . אונ האט אידם אהין געפיהרט צום טיש . אונ האט געזאגט זעץ דיך אויף דעם אנדערען שטוהל וואס שטייט ליידיג ער איז פאר דיר אן געגרייט . אונ זאג תיקון שבת . נאר זייא ניט מאריך ; דען עס איז שוין צייט מקבל שבת צו זיין . ער האט זיך אנידער געזעצט אונ האט געזאגט תיקון שבת . נאך תיקון שבת . האט אידם יענער זקן געגעבן שלום . דער נאך האט אידם דער זקן פון דיא טיהר אויך געגעבן שלום .

אונ מען האט אויף געמאכט איין אנדערע טיהר אונ אלע דרייא זענען ארויס געגאנגען . איז דרויסען געוועזען איין זעהר הערליכער בוים גארטען . אין מיטען דעם גארטען איז געשטאנען דיא שוהל . וועהר איז אין שטאנד צו בעשרייבען דאס שענהייט אונ זיסיגקייט פון דער שוהל . זיא וואר זעהר שרעקליך לאנג אונ ברייט אונ הויך . אוים לויטער דימאנטען . וויא פיל שטערען אין הימעל זא פיהל ליכט האבען געלויכטען מיט אלערלייא קאלערען . אונ עס וואר אויף אלע זייטען פיהל ביימער אוים לויטער גין גאלד . אונ אלערלייא פרוכטען אוים בריליאנטען אונ אויף דיא ביימער ווארען אלערלייא פייגעל . אונ אונטער דיא ביימער ווארען אלערלייא חיות . אין מיטען דער שוהל וואר א גרויסע במה (מלעמער) מיט זאלכע שענהייט וואס קיין לעבענדיגער מענטש איז ניכט אים שטאנד צו ערשרייבען אונ צוא ערצעהלען דיא שיינהייט פאן דעם מלעמער . (אשרי עין ראתה זאת) והאויל דעם אויג וואס דאס דאס געזעהען .

חיא זייא זענען געקומען אין שוהל אריין . זא זענען ווידער פאן איין אנדער טיהר אריין געקומען איין מחנה מיט זקנים אלע בעקליידעט בגדי שבת . מענכער האט גהאט איין משרת . מענכער צווייא . מענכע האבען געהאט זעהר פיהל משמשים . יעדער האט זיך געשטעלט אויף זיין בעצייכענטע שטעל . אונ דיא משרתים האבען אויך געהאט יעדער זיין שטעל . אונ דיא דרייא . דאס וואר דער הייליגער מקדש מלך מיט דיא צווייא זקנים וויא זייא זענען

נֶעקוּמֶען אִין שׁוּהל . זָא הָאט מֶען דֶעם מְקַבֵּ״שׁ מֶלֶךְ גֶעפִֿירְט אוֹיף
דֶער מִזְרַח שְׁטָאט . אוּנ דֶער זָקֵן מִיט דֶעם אַנְדֶערֶען זָקֵן זַיין מְשָׁרֵת
זֶענֶען אַרוֹיף גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם מְלֶעמֶער .

וִויא דֶער עוֹלָם הָאט גֶעזֶעהֶען דָאס דֶער זָקֵן מִיט זַיין מְשָׁרֵת
זֶענֶען שׁוֹין אוֹיבֶען אוֹיף דֶעם מְלֶעמֶער . זָא הָאט מֶע זִיךְ גֶשְׁטֶעלְט
דַאוִוינֶען מִנְחָה . אַחַר מִנְחָה הָאט זִיךְ אַ חַזָן מִיט וֶועהר פִיל מְשׁוֹרְרִים
אַרוֹיף גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם מְלֶעמֶער אוּנ הָאט מְקַבֵּל שַׁבָּת גִיוֶועזֶען
מִיט זָאלְכֶעם זִיס קוֹל . דָאס קֵיין לֶעבֶּענְדִיגֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִיכְט אִים
שְׁטַאנְד אוֹיס צוּ הַאלְטֶען דֶעם גְרוֹיסֶען תַּעֲנוּג פוּן דֶעם גֶעזַאנְג . אַלֶע
בֵּיימֶער מִיט אַלֶע פְרוּכְט מִיט אַלֶע פֵייגֶעל אוּנ אַלֶע חַיוֹת הָאבֶּען
מִיט גֶעזוּנְגֶען . דִיא וֶועגְד מִיט דִיא לִיכְט הָאבֶּען מִיט גֶעזוּנְגֶען . קֵיין
שׁוּם תַּעֲנוּג פוּן דֶער וֶועלְט קֶען זִיךְ נִיכְט גְלַייכֶען צוּא דֶעם גְרוֹיסֶען
תַּעֲנוּג פוּן דֶעם זִיסֶען גֶעזַאנְג פוּן דֶעם קַבָּלַת שַׁבָּת . אֵיין אַנְדֶערֶער
מֶענְטְשׁ מֶעכְט בַּאלְד שְׁטַארְבֶּען פוּן דֶעם עֶרְשְׁטֶען וָוארְט וָואס עֶר
הָאט גֶהֶערְט זִינְגֶען . דֶען זָא גוּט וִויא וֶוען חַז דִיא עֶרְץ (יְכוּרִים)
אִיז אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צוּא שְׁטַארְק אִיבֶּער זַיין כֹּחַ . מוּס עֶר דָאךְ
שְׁטַארְבֶּען . זָא אוֹיךְ וֶוען בַּייא אֵיין מֶענְטְשׁ אִיז גְרוֹלָה מִיט תַּעֲנוּג
צוּ גְרוֹיס . זָא מוּז עֶר שְׁטַארְבֶּען . וַוייל דֶער תַּעֲנוּג אִיז שְׁטַארְקֶער
וִויא זַיין כֹּחַ . נָאר דֶעם הֵיילִיגֶען צַדִיק מְקַבֵּ״שׁ מֶלֶךְ הָאט נִיכְט גְשַׁאט
וַוייל עֶר וָואר דָאךְ וִויא אַ מַלְאָךְ . דָאךְ אָבֶער הָאט עֶר פֶערְגֶעסֶען
וִויא עֶר אִיז אוּנ וָואס עֶר אִיז .

אַחַר הַתְּפִלָּה נָאךְ דֶעם דַאוֶוענֶען . אִיז דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם
גֶעגַאנְגֶען צוּם מְלֶעמֶער . אוּנ אִיטְלִיכֶער בֶּעזוּנְדֶער הָאט גֶעזָאגְט צוּ
דֶעם זָקֵן שַׁבַּתָּא טָבָא דָאס הֵייסְט גוּט שַׁבָּת. אוּנ אַלֵי הָאבֶּן גֶווַארְט
בִּיז דֶער זָקֵן אִיז מִיט זַיין מְשָׁרֵת אוּנ מִיט זַיין אוֹרֵחַ אַרוֹיס גְגַאנְגֶען
פוּן שׁוּהל . זָא זֶענֶען זֵייא אוֹיךְ אִיטְלִיכֶער אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען . דֶער
צַדִיק מְקַבֵּ״שׁ מֶלֶךְ הָאט זִיךְ נִיט גֶעקֶענְט אוֹיס וִוינְדֶערֶען .

וִויא עֶר אִיז מִיט זַיינֶע זְקֵנִים צוּרִיק גְקוּמֶען הָאט עֶר דֶערְזֶעהֶען
דָאס וֶועלְבֶּע הֶדֶר וָואס עֶר אִיז צוּם עֶרְשְׁט גֶעוֶועסֶען בַּיים טִישׁ אוּנ
הָאט גֶעזָאגְט הַתִּיקוּן שַׁבָּת . אִיז דָאס הֶדֶר יֶעצְט גֶעוֶועזֶען זָא גְרוֹיס
דָאס קֵיין לֶעבֶּענְדִיגֶער מֶענְטְשׁ מֶעכְט נִיכְט קֶענֶען עֶרְזֶעהֶען פַאן אֵיין
עֶק בִּיז צוּם אַנְדֶערֶען עֶק . אוּנ עֶס וַוארֶען זִיבֶּען הוּנְדֶערְט מִיט
צְווַייא טִישֶׁען . אוּנ אוֹיף יֶעדֶעם טִישׁ וַוארֶען זִיבֶּען הוּנְדֶערְט מִיט
צְווַייא מְנוֹרוֹת . אוּנ זִיבֶּען הוּנְדֶערְט מִיט צְווַייא לִיכְט אִין יֶעדֶער

מנורה אונ זיבען הונדערט אונ צוויא שטוהלען צוא יעדעם טיש. דען דאס חדר מיט דיא אלע זאכען וואר נאר גרייט לכבוד שבת. אונ דאס ווארט שבת בעטרעפט זיבען הונדערט מיט צוויא. דען איין שי״ן איז דרייא הונדערט אונ א תי״ו איז פיר הונדערט. אונ א בי״ת איז צוויא.

דיא אלע טישען מיט שטוהלען מיט מנורות וואַרען זעהר שרעקליך שיין. אבער דער טיש מיט דיא מנורה מיט דעם שטוהל וואס דער זקן איזט געזעסען מיט זיין ליכטיגען אורח מקדש מלך. דאס איז אין לשער ואין לספר. דאס איז ניט מעגליך צוא זאגען אונ ניכט מעגליך צוא ערצעהלען. בייא דעם טיש וואר ניט מעהר נאר צוויא שטוהלען. אויף איינעם איז געזעסען דער זקן. אונ אויף דעם אנדערען דער היילינגער מקדש מלך. אונ א קליינער טיש מיט איין שטוהל איז געשטאנען פון וויטען. דאס איז געוועזען פר דעם אנדערען זקן. וואס האט בעדינט. מען האט אן גהובען צוא זאגען שלום עליכם. האט געקלונגען דאס גאנצע חדר. דען דיא טישען מיט מנורות. מיט דיא ליכט. מיט דיא שטוהלען. מיט דיא וועגד האבען אלע מיט געזונגען. דערנאך האט דער אנדערער זקן דער משרת. געבראכט איין גאלדענע קריג מיט וויין. אונ צוויא בעכר אוים ברילאנטען. אונ אויף יעדע זאך בעזונדער איז געשטאנען מיט גאלדענע אותיות דאס ווארט שבת. אויף דיא בעכער וואר געשריבען כוס של שבת. אונ בייא דר טיהר וואר געשריבען ארמון של שבת דאס הייסט דער פאלעץ פון שבת. אויף דיא טישען. שולחן של שבת. יעצט האט דער זקן געמאכט קידוש. אונ מען האט געהערט דורך דיא וואנד רעדען. אונ קיין מענטש האט מען ניכט געזעהען. נאר וויא דער זקן האט אויס געזאגט דעם קידוש איז אריין געקומען איין אשה פערקליידעט בבגדי שבת. איהר פנים האט געלויכטען פיהל שענער וויא די זון. איהר פנים וואר פארהאנגען מיט איין פירהאנג אבער עס האט דורך געלויכטען דורך דער פירהאנג. וויא דער זקן האט געטרונקען פון קידוש. האט ער פון זיין כוס געגאסען א ביסעל אין איין אנדער כוס אונ זיא האט א ביסעל געטרונקען אונ איז אוועק געגאנגען. אונ מעהר האט מען זיא שוין ניט געזעהען. נאר נאך איטליכע ברכה האט מען געהערט זאגען אמן. נאך דעם האט דער אורח געמאכט קידוש. ער האט זיך ניט געקענט אויס ווינדערען איבער דעם וויין. נאר ער האט דאך ערשפירט דאס דער וויין

איז ניכט פון דיזען עולם. נאר פון עולם העליון. אדער פון גן עדן העליון. אדר פון יין המשומר. דאס איז דער ווין וואס איז בשאפן געווארען פון ששת ימי בראשית פאר דיא צדיקים לעולם הבא. פרעגן איז קיין דרך ארץ. זא איז ער געזעסען פערוואונדערט אונ האט געשוויגען. נאך קידוש האט מען געברענגט שנים עשר חלות. אונ פיש. אונ דערנאך האט מען געברענגט איין טויזענט איין הונדערט אכט אונ אכציג מאכלים וואס מען איז ניט אים שטאנד צו ערשרייבן דעם תענוג פון דיא מאכלים. אונ פאר וואס זא פיהל מאכלים. וועל איך דיך ערקלערען. דען דאס ווארט שבת במילואו בעטרעפט אזויא. ווארום שבת לייגט מען אויס ש. ב. ת. ש ווירד געשריבן שי״ן. דאס בעטרעפט דרייא הונדערט אונ זעכציג. ב ווירד געשריבן בי״ת. דאס בעטרעפט פיר הונדערט מיט צוועלף. ת ווירד געשריבן תי״ו. דאס בעטרעפט פיר הונדערט מיט זעכצעהן. אלץ בעטרעפט איין טויזענט איין הונדערט אכט אונ אכציג. נאר דו ליבער מענטש ווירסט מיך פרעגען. וויא קען מען עסען אזויא פיהל מאכלים. ווען נאר אפילו איין האלבען לעפעל פון יעדען מאכל איז מען דאך אויך ניכט אים שטאנד צו עסען? זא ליבער פריינד וועל איך דיך דאס ערקלעהרען. זייא ווייסען דאס זענען ניכט קיין מאכלים גשמיים נאר רוחניים. דאס הייסט עס זענען ניט זאלכע גראבע מאכלים וואס דער גוף קען געניסען. נאר פאר דר נשמה. דאס איז זעהר איין איידלע זאך. וואס מען קען קיין פראסטען מענטש ניט פארשטיין געבין. נאר דער מענטש וואס האט א ידיעה אין חכמת הקבלה דער קען דאס פארשטיין. נאך דעם עסען האט מען אן געהויבען צוא זינגען זמירות. אונ דער גאנצער עולם וואס האבען געדאווינט אין שוהל זיין געקומען. אונ אלע שטוהלען מיט אלע טישען זענען בעזעצט געווארען אונ. דאס געזאנג איז געוועזען זא זים. טעם גן עדן דאס ווען איין לעבעדיגער מענטש מעכט דאס הערען מעכט ער געשטארבען פון גרוים תענוג.

דערנאך האט דער זקן וואס איז געזעסען פון ווייטען אויף געשטאנען אונ האט אריין געברענגט צווייא גאלדענע שטוהל אויס געשאמירט מיט לויטער בריליאנטען אונ האט דיא צווייא שטוהלען אהין געשטעלט צום טיש וויא דער זקן מיט דעם אורח זענן געזעסן. דאן זענען אריין געקומען צווייא זקנים. וויא דיא זקנים זענען אריין געקומען. האבען זיך אלע אויף געשטעלט. אונ זענן אהער גגאנגען

צוּ דֶעם זָקֵן הָאט עֶר אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיינֶע הֶענְד אוֹיף זַייעֶרֶע קֶעפּ אוּנ הָאט זַייא גֶעבֶּענְשְׁט. דֶערְנָאךְ הָאבֶּען זַייא זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דִי צְוַוייא גָאלְדֶענֶע שְׁטוּהלֶען.

דַאן זֶענֶען ווִידֶער אַרַיין גֶעקוּמֶען צְוֶועלְף יוּנְגֶע לַייט. שְׁטוּלֶען וַוארֶען שׁוֹין פַאר זַייא גְרֵייט. הָאבֶּן זַייא ווִידֶער אַלֶע אוֹיף גֶעשְׁטֶעלְט לְכָבוֹד דִיא צְוֶועלְף יוּנְגֶע לַייט. אוּנ דִיא צְוֶועלְף זֶענֶען אַהֶער גֶעגַאנְגֶען אוּנ הָאבֶּען זִיךְ גֶעבִּיקְט צוּ דִיא דְרַייא זְקֵנִים. אוּנ הָאבֶּן דֶעם אוֹרֵחַ גֶעגֶעבֶּען שָׁלוֹם. דֶער נָאךְ הָאט מֶען דִיא פְרִישֶׁע גֶעסְט גֶעגֶעבֶּען צוּא מַאכֶען קִידוּשׁ אוּנ הָאבֶּען אַיךְ גֶגֶעסֶען. דֶערְנָאךְ הָאט מֶען גֶבֶּענְשְׁט דֶער עֶרְשְׁטֶער זָקֵן הָאט גֶעבֶּענְשְׁט מְזוּמָן. נָאךְ דֶעם בֶּענְשֶׁען. הָט דֶער זָקֵן דֶער מְשָׁרֵת גֶעזָאגְט צוּם מְקַדֵשׁ מֶלֶךְ. יֶעצְט קוּם מִיט מִיר. הָאט עֶר אִיהם גֶפִירְט אִין אֵיין אַנְדֶער חֶדֶר. אוּנ הָאט אִיהם גֶבֶּעט אֵיין הֶערְלִיךְ גֶעלֶעגֶער. אוּנ הָאט גֶעשְׁטֶעלְט וַואסֶער מִיט גֶעטְרַאנְק צוּם בֶּעט. אוּנ הָאט זִיךְ גֶעזֶעגֶענְט אוּנ אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען.

מָארְגֶען גַאנְץ פְרִיה אִיז דֶער זָקֵן מְשָׁרֵת גֶעקוּמֶען צוּם מְקַדֵשׁ מֶלֶךְ אוּנ הָאט גֶעזָאגְט. קוּם אִין מִקְוֶה אַרַיין אוּנ זַייא דִיךְ טוֹבֵל. עֶר הָאט אִיהם גֶעפִירְט אִין דִיא מִקְוֶה. עֶר הָאט זִיךְ טוֹבֵל גִיוֶועזֶען אוּנ דֶר מְשָׁרֵת הָאט אִיהם ווִידֶר גֶעגֶעבֶּען אַנְדֶערֶע מַלְבּוּשִׁים מֵרֹאשׁ וְעַד רֶגֶל. אוּנ הָאט אִיהם גֶעפִירְט אִין יֶענֶעם חֶדֶר וְויא דֶער זָקֵן אִיז גֶעזֶעסֶען. אוּנ דֶער מְשָׁרֵת הָאט אִיהם גֶעבְּרֶענְגְט אַ טַאץ מִיט מִילֶעךְ אוּנ קַאוֶוע. עֶס וַואר אָבֶּער גַאנְץ הֵייס. אַלְס מֶען וָואלְט עֶס עֶרְשְׁט יֶעצוּנְד אַוֶועק גֶנוּמֶען פוּן פַייֶער. עֶר הָאט זִיךְ זֶעהר שְׁטַארְק גֶעווּנְדֶערְט. דָאס מֶען לָאזְט קָאכֶען אָן שַׁבָּת. זָא לָאזְט עֶר שְׁטֵיין דִיא קַאוֶוע מִיט מִילֶעךְ אוּנ טְרִינְקְט נִיט. זָא קוּמְט דֶער מְשָׁרֵת אוּנ פְרֶעגְט אִיהם פַאר וָואס עֶר טְרִינְקְט נִיט. עֶר שֶׁעהמְט זִיךְ צוּ זָאגֶן. אָבֶּער דֶער מְשָׁרֵת הָאט זִיךְ מְשַׁעֵר גֶעוֶועזֶען. אוּנ הָאט גֶזָאגְט צוּם אוֹרֵחַ. זַייא נִיט קֵיין נַאר אוּנ טְרִינְק. מִיר זֶענֶען חָלִילָה נִיט מְחַלֵּל שַׁבָּת. קוּים עֶר הָאט גֶעוָואלְט טְרִינְקֶען.

וְויא עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטְרוּנְקֶען. הָאט עֶר אִיהם אַרַיין גֶפִירְט אִין אֵיין בֵּית הַמֶדְרָשׁ פִיל מִיט סְפָרִים אוּים פַארְמֶעט. הָאט עֶר זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען. דֶער נָאךְ הָאט דֶער מְשָׁרֵת אִיהם גֶעבְּרֶענְגְט אַ טַלִית. אוּנ הָאט גֶעזָאגְט קוּם עֶס אִיז שׁוֹין זְמַן תְּפִלָּה. זָא זֶענֶען זַייא אַלֶע דְרַייא גֶגַאנְגֶען אִין שׁוּהל אַרַיין. דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם וַואר שׁוֹין גְרֵייט אוּנ הָאבֶּען גֶעוַוארְט. וְויא זַייא זֶענֶען אַרַיין גֶעקוּמֶען.

און דער זקן מיט זיין משרת האבען זיך געשטעלט אויף דעם בעטער און דער אורח אויף דער מזרח וואנד. זא האט זיך א חזן מיט פיל משוררים געשטעלט דאווענען. דאס זיסיגקייט פון דעם דאווענען מיט דיא פיהר געזאנגען איז מען ניט אים שטאנד צו ערשרייבען.

צום לייגען האט מען ארויס גענומען פון ארון קודש א פלאם פייער. דער מקדש מלך האט זיך זעהר ערשראקען. און האט זיך געוואונדערט דאס איין מענטש טראגט דאס מיט דיא בלויזע הענד און ווירד ניכט פערברענט מען האט דאס ארויף גטראגן צום בעטער און אלע האבען דאס געקושט. און האבען געשריגען תורה קדושה. תורה תמימה. תורת משה אמת. דאס איזט טייטש. דיא הייליגע תורה. דיא גאנצע תורה. די תורה פון משה איז אמת. דער אורח האט זיך ניכט געקענט איין האלטען און איז ארויף געלאפען אויף דעם בעטער.

ווייא זעהר פערוואונדערט איז ער אבער געבליבען. וויא ער האט געזעהען דאס דער פלאם פייער איז א ספר תורה. דר פארמעט וואר ווייס פייער. און דיא אותיות שווארץ פייער. מען האט גליינט מען האט דעם אורח מכבד געוועזען מיט עליה ששי. מען האט געדאווענט מוסף זעהר שיין זעהר זיס. דר גאנצער עולם איטליכער בעזונדער איז געקומען צום זקן און האט גזאגט שבתא טבא. און דער זקן מיט זיין משרת מיט זיין אורח זענען אהיים געגאנגען.

דער זקן מיט דעם אורח האבען זיך געזעצט בייא טיש. און דער אנדערער זקן האט זייא בדיהנט. ער האט געברענגט וויין אויף קידוש און ווידער שנים עשר חלות. און ווידער כל מיני מאכלים און מען האט געגעסען געטרונקען. פאר דעם בענשען זענען ווידער געקומען דר גרויסער עולם פון געבעטען. און דיא צוויא זקנים מיט דיא צוועלף יונגע לייט. און יעדער האט זיך געזעצט אויף זיין שטול און מען האט ווידער געזונגען זמירות. מיט שירות ותשבחות. דיא קולות זענען געגאנגען עד לב השמים און דאס זיסיגקייט איז נאך לשער ואין לספר. עס איז ניט מיגליך צו ערצעהלען און נישט צוא ערשרייבען. מען האט ווידער געבענשט. דער עלטערער פון דיא צוויא זקנים וואס זענען שפעטער אריין געקומען. דער האט געבענשט מזומן.

נאך דעם עסען האט מען דעם אורח געפיהרט אין איין לוסט גארטען עס וואר שוין דארט גרייט גוט געלעגער פר זיינט וועגן

עֶר הָאט זִיךְ עֶרְקְוויִקְט פוּן דֶעם רֵיחַ אוּנ גֶעשְׁמַאק פוּן דִיא גְרֶעזֶער מִיט דִיא בְּלוּהטֶען. אוּנ הָאט גֶעשְׁלָאפֶען לֶערֶךְ צְווייא שָׁעָה.

דַאן אִיז עֶר אוֹיף גֶשְׁטַאנֶען. אִיז שׁוֹין דֶער מְשָׁרֵת דָא גְשְׁטַאנֶען מִיט וַואסֶער. עֶר הָאט זִיךְ גֶעוַואשֶׁען. אוּנ דֶער מְשָׁרֵת הָאט אִיהם גֶעגֶעבֶּען אֵיין קָארְבּ מִיט אַלֶערְלֵייא פְּרוּכְט שַׁבָּת אוֹיבְּס. אוּנ הָאט גֶעזָאגְט מַאכְט בְּרָכָה אוּנ עֶרְקְוויִקְט אַייךְ. עֶר הָאט גֶעגֶעסֶען אוּנ הָאט זִיךְ עֶרְקְוויִקְט. אוּנ אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. אוּנ הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען. בִּיז מִנְחָה. זֶענֶען זֵייא ווִידֶער גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּהל מֶען הָאט גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה מִיט דֶעם גַאנְצֶען עוֹלָם אַזוֹיא וְויא פְּרִיה.

יֶעצְט זֶענֶען זֵייא גֶעגַאנְגֶען עֶסֶען שָׁלשׁ סְעוּדוֹת. דֶר גַאנְצֶער עוֹלָם אִיז גֶעקוּמֶען. מֶען הָאט גֶעזוּנְגֶען זְמִירוֹת בִּיז צֵאת הַכּוֹכָבִים. דָאס הֵייכְט בִּיז מֶען זֶעהט שְׁטֶערֶען. אוּנ דֶער יוּנְגֶערֶער זָקֵן פָאן דִי צְווייא זְקֵנִים וָואס זֶענֶען שְׁפֶּעטֶער גֶעקוּמֶען. עֶר הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט מְזוּמָן. מֶען הָאט תֵּיכֶף גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב. אוּנ גֶעמַאכְט הַבְדָּלָה. נָאךְ הַבְדָּלָה זֶענֶען אַלֶע אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען. נָאר דֶער זָקֵן מִיט זַיין מְשָׁרֵת מִיט זַיין אוֹרֵחַ זֶענֶען דָא גֶעבְּלִיבֶּען.

גַאנְץ שַׁבָּת הָאט מֶען צוּ דֶעם אוֹרֵחַ נִיט גֶערֶעט אֵיין וָוארְט. אוּנ דֶער אוֹרֵחַ הָאט צוּ קֵיינֶעם אוֹיךְ נִיט גֶערֶעט קֵיין וָוארְט. נָאר יֶעצְט וְויא עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען אַזוֹי צֵייטְלִיךְ דַאוֶונֶען מַעֲרִיב אוּנ מַאכֶן הַבְדָּלָה הָאט עֶר זִיךְ זֶעהר גֶעווִינְדֶערְט דֶען עֶר הָאט גֶעמֵיינְט דָאס מֶען ווִירְד מַאֲרִיךְ זַיין מִיט שָׁלשׁ סְעוּדוֹת בִּיז הַאלְבֶּע נַאכְט. אַזוֹיא וְויא בַּייא דִיא גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אִיז דֶער מִנְהָג. הָאט עֶר זִיךְ יֶעצְט נִיט גֶעקֶענְט אַיין הַאלְטֶען אוּנ הָאט גֶעפְרֶעגְט וָוארוּם מֶען הָאט אַזוֹ גֶעשְׁווִינְד פֶּערְלָאזְט דֶעם הֵיילִיגֶען שַׁבָּת. הָאט דֶער זָקֵן גֶעזָאגְט צוּ אִיהם דוּא הָאסְט שׁוֹין דָא בַּייא מִיר קֵיין שְׁטֶעל. דֶען דָא טָאר מֶען נִיט פְרֶעגֶען קֵיין קֻשְׁיוֹת. אוּנ הָאט גֶעזָאגְט צוּם מְשָׁרֵת גֵייא פִירְר אִיהם אַהֵיים אִין זַיין הוֹיז אַרַיין.

דֶעם אוֹרֵחַ הָאט אָבֶּער נִיט גֶעגְלוּסְט צוּ פֶערְלַאסֶען דִיא לִיבֶּע סְטַאנְצִיֶע. הָאט עֶר זִיךְ גֶעבֶּעטֶען אוּנ הָאט צוּ גֶעזָאגְט דָאס עֶר ווִירְד שׁוֹין נִיט פְרֶעגֶען. הָאט דֶר מְשָׁרֵת צוּ אִיהם גֶעזָאגְט. זָאלְסְט אָבֶּער ווִיסֶען דָאס וֶוען נָאר אֵיין מָאל דוּ ווִירְסְט אֵיין וָוארְט פְרֶעגְן. טָארְסְט דוּא שׁוֹין דָא נִיט בְּלֵייבֶּען.

בְּתוֹךְ כָּךְ אִיז גֶעקָם גֶעוָוארֶען דָאס חֶדֶר מִיט דִיא טִישֶׁען אוּנ

זייא זענען גאר געזעסען אין איין גרויסע פאלאץ וואס אויף אלע פיר זייטען איז געשטאנען געשריבען מיט גרויסע אותיות „בית המשפט" און איין זעהר גרויסער טיש ארום און זענען געזעסען צוויא און זיבציג סנהדרין. און אויבען אן איז געזעסען דער זקן. און דער אנדערער זקן דער משרת איז געשטאנען בייא דער טיהר.

פלוצלונג האט מען ערהערט איין גרויסען שטארעם. און מען האט אריין געבראכט א מענטש אין תכריכין און פיר מענטשען אין ווייסען געקליידעט זענען געשטאנען בייא איהם. און ארום זענען געשטאנען זעהר פיהל שווארצע. מענכע האבען גיהאט קעפ ווי מענטשען נאר מיט הערנער וויא אקסען. מענכע האבען גהאט קעפ וויא א לייב און פיס וויא א פערד. עס איז געווען א פחד צו זעהען דיא שווארצע מיט זייער שרעקליכען קוק. און מיט זייער געווער. זייא האבען אלע געוואלט דעם מענטש שטעכען אדער איין שלינגען. נאר דיא פיר ווייסע האבען ניט צו געלאזט.

זא האט דער זקן א גרויסען געשרייא געגעבען צוא דעם מענטש. טפה סרוחה. בשר ודם. ווי האסט דו ניכט מורא גהאט פאר דעם בורא ברוך הוא. און פאר זיין הייליגע תורה. ווייסט דוא דען ניכט דאס דער הייליגער שבת איז דער נאמען פון בורא ב"ה. און שבת איז שקול כנגד כל התורה. און שבת איז איין עדות אויף בריאת עולם. אז דער אייבערשטער איז א קדמון לכל דבר אשר נברא. און ווער עס לייקענט אן שבת דער לייקענט אן כל התורה. און ווער עס לייקענט אן די תורה דער לייקענט אן זיין הייליגען נאמען. און פאר וואס האסט דוא מחלל שבת געוועזן.

דער מענטש איז נעבעך געווארען זעהר ערשראקען. דאך האט ער געענטפערט. איך ווייס פון גאר ניט. איך האב קיין מאל ניט ח"ו מחלל שבת געוועזען. זייט איך בין צום שכל גקומען האבע איך דעם הייליגען שבת געהיטען אזויא וויא עס שטייט אין דער הייליגער תורה. און ניט בלויז שבת. נאר די גאנצע תורה האב איך מקיים געוועזען. און דיא מצות וואס איך האב ניט געקענט מקיים זיין בפועל. האב איך מקיים געוועזען בלמוד. דען עס זיין פיל מצות פון דיא תרי"ג מצות וואס ניט איטליכער מענטש קען מקיים זיין. דהיינו ווען איינער עלטערט זיך מיט זיין ווייב איז ער ניט מקיים די מצוה פון א גט. אדער ווען איינער האט ניכט קיין בכור קען ער ניט מקיים זיין דיא מצוה פדיון הבן. זא איז מען

אָבֶער דִיא מִצְוָה מְקַיֵים וָוען מֶען לֶערְנְט דֶעם דִין פוּן דִי מִצְוָה. אוּנ זָא הָאט דֶר טויטֶער אויךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט אִיךְ הָאבּ אַלְץ מְקַיֵים גֶעוֶועזֶען הֵן בְּפוֹעַל וְהֵן בְּלִמוּד. אוּנ וָואס אִיר זָאגְט דָאס אִיךְ הָאבּ ח״ו אָפּ גֶלֵייקֶענְט אָן בּוֹרֵא ב״ה. דָאס אִיז שֶׁקֶר וְכָזָב. אוּנ אִיךְ פְרֶעג נָאךְ עֶנְק גָאר נִיט. דֶעם בּוֹרֵא ב״ה. עֶר אִיז אַ בּוֹחֵן לְבָבוֹת. עֶר וֵוייס דֶעם אֱמֶת פוּן אַלֶע הֶערְצֶער. אוּנ אִיר ווִילְט מִיר מַאכֶען אַ בְּדִבוּל שֶׁקֶר. אִיךְ אָבֶער וֶועל מִיךְ פוּן עֶנְק נִיכְט לָאזֶען. לָאזֶען מַיינֶע קוּמֶ'ן מִיט מַיינֶע מְלִיצִים מִיט מַיינֶע עֵדוּת. אוּנ זֵייא וֶועלְן בֶּעצֶעגֶען דָאס אִיךְ הָאבּ נִיכְט מְבַטֵל גֶעוֶועזֶען אֵיין רֶגַע פוּן תּוֹרָה אוּנ צְדָקָה אוּנ גְמִילוּת חֶסֶד.

אַלֶע דַייָנִים זֶענֶען גֶעוֶועזֶען שְׁטִיל. נָאר דֶר זָקֵן הָאט זִיךְ אָן גֶערוּפֶען. דֶערְמַאן דִיךְ גוּט. דוּא הָאסְט אָבֶער דָאךְ מְחַלֵל שַׁבָּת גֶעוֶועזֶען. דוּא הָאסְט פֶערְקוֹיפְט אָקָאווִיט אַ גוֹי.

עֶנְטְפֶערְט דֶער מֶענְטְשׁ. עֶס אִיז שֶׁקֶר. דֶען אִיךְ הָאבּ שַׁבָּת אֲפִילוּ מִיט קֵיין יִשְׂרָאֵל אויךְ נִיט גֶערֶעט קֵיין דִבְרֵי חוֹל. נָאר לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ מִכָּל שֶׁכֵּן מִיט אֵיין עָרֵל.

זָא זָאגְט דֶער זָקֵן אֱמֶת דוּא הָאסְט שַׁבָּת נִיט גֶערֶעט דִבְרֵי חוֹל. אָבֶער דוּא הָאסְט פְרֵייטָאג פֶערְקוֹיפְט אַ פֶעסֶעל אָקָאווִיט אַ פוֹיֶער פוּן אֵיין דָארְף. אוּנ עֶר הָאט דָאס אָן שַׁבָּת גֶעטְרָאגֶען חוּץ לִתְחוּם. אוּנ דֶר דִין אִיז מֶען טָאר אֲפִילוּ קֵיין בְּהֵמָה נִיט בַּלָאדֶענֶען אָן פְרֵייטָאג מִיט אֵיין לַאסְט אַז דִיא בְּהֵמָה זָאל עֶס טְרָאגֶען שַׁבָּת וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרָה לְמַעַן יָנוּחַ שׁוֹרְךָ וַחֲמוֹרְךָ דַיין אָקְס מִיט דַיין אֵייזֶעל זָאל רוּהֶען. מִכָּל שֶׁכֵּן אַ מֶענְטְשׁ וָואר מֶען אַם פְרֵייטָאג נִיט גֶעגֶעבֶּען אֵיין לַאסְט עֶר זָאל עֶס טְרָאגֶען שַׁבָּת. אוּנ דוּא הָאסְט אִיהם דָאס פֶעסֶעל אָקָאווִיט גֶעהָאלְפֶען נֶעמֶען אוֹיף דִיא פְּלֵייצֶעס. אוּנ עֶר אִיז דֶערְמִיט אַהֵיים גֶקוּמֶען נָאךְ דִיא הַאלְבֶּע נַאכְט. זָא אִיז אַזוֹיא גוּט וִויא דוּא מֶעכְסְט אִיהם אָן שַׁבָּת פַרְקוֹיפְט.

עֶנְטְפֶערְט דֶער מֶענְטְשׁ. נֵיין עֶס אִיז שֶׁקֶר. דֶען אִיךְ הָאבּ קֵיין מָאל מִיט אָקָאווִיט נִיט גֶעהַאנְדֶעלְט. זָאגְט דֶער זָקֵן אִיךְ וֶועל דִיר שְׁטֶעלֶען עֵדוּת. זָאגְט דֶר מֶענְטְשׁ גוּט אִיךְ וִויל זֶעהֶן דִי עֵדוּת.

אַזוֹיא גִיבְּט דֶער זָקֵן אַ גֶעשְׁרַייא צוּא זַיין מְשָׁרֵת. רוּף אַרַיין דֶעם שַׂר וָואס הָאט דֶעם סֵפֶר זִכְרוֹנוֹת דָאז עֶר קוּמֶען אוּנ בַּאלְד מִיט בְּרֶענְגֶען דִיא עֵדוּת. עֶר גֵייט אִין אֵיין רֶגַע קוּמְט אַרַיין אֵיין מַאן מִיט זֶעהר אַ גְרוֹיס בּוּךְ וָואס הוּנְדֶערְט מֶענְטְשֶׁען וֶוערְדֶען נִיט קֶענֶען

טְרָאגֶען. אונ עס איז געשטאנען געשריבען דער נאמען פון דעם פויער אונ דיא סדרה פון דיא וואך. האט מען א געשרייא גיגעבען איז דער פויער שוין דא געשטאנען אונ דאס פעסעל אקאוויט אויף דיא פלייצעס. אונ האט צוא איהם געזאגט. געדענקסט ווען דיין שוועהר איז ניט געוועזען אין דערהיים. אונ איך בין פרייטאג צוא דיר געקומען אונ האב דיר דאס געלט געגעבען. אונ דו האסט מיר אפ געבאכטען אונ געהאלפען אויף דיא פלייצעס נעהמען. אונ דאס געלט האסט דו גלייגט אין שטוב אריין אין א שופלעדער פון טיש. איך האב געזעהען. פליצלונג זענען געקומען דיא בענק מיט דיא טישען מיט דיא קווארט מיט אלע כלים פון דיא שענק. אונ האבען עדות גזאגט דאס ער האט פערקויפט פרייטאג. דיא אלע האבען אפ געזאגט זייער עדות אונ נעלם געווארען.

יעצט האט זיך דער מענטש נעביך ערמאנט. עס וואר אזו. דיין שוועהר איז געוועזען א שענקער אונ האט גהאט א סקלאד מיט אקאוויט. דאס אלע אנדערע שענקער פון דער שטאט אונ פון דיא דערפער האבען ביא איהם געקויפט. אונ דער מענטש וואהר דעם שענקערס איידעם ער וואר איין יונגער מאן אונ האט געגעסען קעסט ביים שוועהר. אונ איז געזעסען יומם ולילה אונ האט געלערנט. איין מאל איז דיין שוועהר אוועק געפאהרען האט ער געבעטען דעם איידעם דאס פרייטאג זאל ער אביסעל העלפען אכטונג געבען אין דיא שענק. אונ דער פויער האט געוואוינט איין תחום שבת פון די שטאט. אונ איז אריין געקומען מיטאג צייט נאך אקאוויט. פון מיטאג ביז נאכט מעכט ער געקענט הונדערט מאל אהיים טראגען דעם אקאוויט. וויא דער יונגער מאן האט איהם פערקויפט דעם אקאוויט איז דער פויער ניט גלייך אהיים געגאנגען. נאר האט זיך אין דיא שטאט געזעצט טרונקען מיט אנדערע פויערן ביז נאכט. אונ ביא נאכט איז ער ערשט מיט דעם אקאוויט אהיים געגאנגען. זא איז דאך דער יונגער מאן ניכט שולדיג דאס מינדעסטע. זא האט דער יונגער מאן געזאגט צום זקן. דער פויער האט עדות געזאגט דאס איך האב איהם פערקויפט. אבער ווארום האסט דוא איהם ניט געפרעגט וועלכע שעה איך האב איהם פערקויפט? ווען איך מעכט איהם פערקויפען פרייטאג שפעט דאס שוין קיין צייט מעכט געוועזען אהיים צו גיין. מעכט איך שולדיג זיין אונ מעכט געמוזט ליידען מיין עונש. אבער ווען איך האב איהם פערקויפט וואר מיטאג. מעכט

עֶר דָאךְ נָאךְ גֶעקֶענְט וִוינֶערְט מָאל אַהֵיים גֵיין. נוּא הָאט פוּן אִיךְ דֶען שׁוּלְדִיג דָאס עֶר הָאט אַ גַאנְצֶען טָאג גֶעטְרוּנְקֶען אִין דִי שְׁטָאט אוּנ אִיז בַּייא נַאכְט אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען. זָא אִיז גֶעוָוארֶען אַ גְרוֹיס גֶעשְׁרֵייא. מֶענְכֶע הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען עֶר מוּס זַיין אִין גֵיהִנָם אַגַאנְצֶע שְׁמִיטָה דָאס הֵייסְט זִיבֶּען יָאהר. מֶענְכֶע הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען עֶס אִיז גֶינוּג דְרַייא יָאהר.

וֶוענֶען אָבֶּער פְּלִיצְלוּנְג אָן גֶעקוּמֶען מְלִיצִים יְשָׁרִים וָועהר פִיהל אוּנ הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען גֶעוַואלְד. זָא אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אוֹיף זִיךְ קֵיין שׁוּם חֵטְא. אוּנ וִויא לַאנְג עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט. הָאט עֶר נָאר עוֹסֵק גֶעוֶועזֶען אִין תּוֹרָה וּצְדָקָה וּגְמִילוּת חֶסֶד. זָאל מֶען אִיהְם מַאכֶען אַ מִשְׁפָּט גֵיהִנָם.

זָא הָאט זִיךְ דֶער זָקֵן אָן גֶערוּפֶען. גֵיין. אִיךְ וֶועל מַאכֶען אַ פְּסַק דִין. עֶר הָאט דִיא בְּרֵירָה. אָדֶער צוּרִיק מְגוּלְגָל צוּא וֶוערֶען אוֹיף יֶענֶעם עוֹלָם. אָדֶער צוּ זַיין זִיבֶּען טָאג אִין גֵיהִנָם. נִיט ח״ו צוּ לַיידֶען קֵיין שׁוּם עוֹנֶשׁ. נָאר בְּלוֹיז צוּ זַיין דָארְט זִיבֶּען טָאג. זָא הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע סַנְהֶדְרִין אָן גֶערוּפֶען. צֶדֶק וּמִשְׁפָּט מְכוֹן כִּסְאוֹ. עֶס אִיז גֶערֶעכְט אוּנ עֶהרְלִיךְ דָאס מִשְׁפָּט מִיט חֶסֶד. אוּנ אַנְדֶערְשְׁט קֶען שׁוֹין נִיכְט זַיין וִויא אוּנְזֶער רֶבִּי הָאט גִפַּסְקֶנְתּ. זָא הָט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר וִויל. הָאט עֶר גֶעזָאגְט נִיט זִיבֶּען טָאג. נָאר אֲפִילוּ ה״ו זִיבֶּען יָאר וִויל עֶר בֶּעסֶער זַיין אִין גֵיהִנָם אֵיידֶער עֶר זָאל צוּרִיק מְגוּלְגָל וֶוערְדֶען. זָא הָאט מֶען אִיהם אַוֶועק גֶעפִיהרְט אוּנ אַלֶע הָאבֶּען אִיהם נָאךְ גֶעשְׁרִיגֶען. אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ וואויל דִיר דָאס דוּא בִּיסְט רֵיין פוּן חֲטָאִים. אוּנ פִיל מִיט זָכִיוֹת.

דֶער מְקַדֵּשׁ מֶלֶךְ הָאט דִיא גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה צוּ גֶעזֶעהֶען אוּנ צוּ גֶעהֶערְט. אִיז עֶר גֶעוָוארֶען מָלֵא כַּעַס אוּנ הָאט זִיךְ נִיט גֶעקֶענְט אֵיין הַאלְטֶען. אוּנ אִיז מִיט יִרְגָזוֹן אַהִין גֶעגַאנְגֶען צוּם טִישׁ. אוּנ הָאט אַ גֶעשְׁרֵייא גֶעגֶעבֶּען. עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרָה. לֹא תַטֶּה מִשְׁפָּט. מֶען זָאל נִיט פַאלְשׁ מִשְׁפְּטֶן. אוּנ עֶטְץ הָאט פַאלְשׁ גֶמִשְׁפָּט דֶען דֶער דִין אִיז בַּייא חִילוּל שַׁבָּת. בְּשׁוֹגֵג אִיז עֶר חַיָיב אַ קָרְבַּן חַטָאת. קֵיין מִיתָה קוּמְט נִיט נָאר בְּמֵזִיד. אִין גֵיהִנָם אִיז דָאךְ עֶרְגֶער וִויא מִיתָה. אוּנ פַר וָואס הָאט אִיר דֶעם צַדִיק גִיפַּסְקֶנְתּ גֵיהִנָם. עֶס אִיז דָאךְ אֲפִילוּ קֵיין שׁוֹגֵג אוֹיךְ נִיט. וָוארוּם בֶּאֱמֶת אִיז עֶר דָאךְ גָאר נִיט שׁוּלְדִיג. אִיךְ וֶועל דָאס נִיט שְׁוַוייגֶען. לָאז מֶען רוּפֶען משֶׁה

רַבֵּינוּ עֶר זָאל זָאגֶען װער עֶס הָאט רֶעכְט.

זָאגְט דֶער זָקֵן דוּא הָאסְט דָאךְ גֶעזָאגְט דַיין װָארְט דָאס דוּא װירְסְט שׁוֹין נִיט פְרֶעגֶען קֻשְׁיוֹת. אוּנ יֶעצוּנְד פְרֶעגְסְט דוּ װידֶער. אַלְזָא זייא װיסֶען אִיךְ װֶעל דִיר רוּפֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר װירְד דִיר זָאגֶען דֶעם טַעַם פוּן דֶעם פְּסַק. נָאר בְּאוֹפֶן דָאס װיא דוּא װירְסְט הָאבֶען גֶעהֶערְט דֶעם טַעַם. טָארְסְט דוּא דִיךְ שׁוֹין דָא בַּייא מִיר נִיט גֶעפִינֶען אֵיין רֶגַע. עֶר זָאגְט יוֹא אִיךְ בֶּעשְׁטֵייא. זָאגְט דֶער זָקֵן. צוּא װָאס זָאל אִיךְ מַטְרִיחַ זַיין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. אִיךְ װֶעל דִיר זָאגֶען דֶעם טַעַם. זַייא װיסֶען דָאס װֶען עֶר מֶעכְט זַיין װיא אֵיין אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ װָאס הָאט חֲטָאִים ח״ו. זָא מֶעכְט מֶען אִיהם דָאס גָאר נִיט רֶעכֶענֶען פַאר קֵיין חֵטְא. דֶען עֶר הָאט דָאךְ בֶּאֱמֶת גָאר קֵיין שׁוּלְד אִין דִיזֶען. נָאר אָבֶּער װַייל עֶר אִיז אַ צַדִיק גָמוּר. עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ קֵיין שׁוּם חֵטְא. אוּנ אוֹיף זָא אֵיין צַדִיק אִיז מֶען מַקְפִּיד כְּחוּט הַשַּׂעֲרָה הֵייסְט דָאס קֶענֶען אִיהם שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶער חֵטְא.

שֵׁנִית עֶס זֶענֶען דָארְט אִין גֵיהִנָם עֶטְלִיכֶע נְשָׁמוֹת װָאס זַייא בְּרוֹיכֶען שׁוֹין אַרוֹיף צוּ קוּמֶען לְגַן עֵדֶן הָעֶלְיוֹן. נָאר זַייא קֶענֶען נִיט עוֹלֶה לְמַעְלָה זַיין בִּיז עֶס װירְד מִיט זַייא זַיין אֵיין צַדִיק גָמוּר. עַל כֵּן דוּרְךְ אִיהם װֶעלֶען זַייא מִיט גֵיין אַרוֹיף לְגַן עֵדֶן.

װיא דֶער מְקַדֵשׁ מֶלֶךְ הָאט דָאס גֶעהֶערְט. הָאט עֶר מוֹדֶה גֶעװֶעזֶען דָאס דֶער פְּסַק אִיז אֱמֶת. אוּנ הָאט גֶעזָאגְט ה׳ אֱמֶת וְתוֹרָתוֹ אֱמֶת. וּמְשָׁרְתָיו צַדִיקִים וּמְהוֹרִים אֲמִתִּים. דָאס אִיז טַייטְשׁ גָאט אִיז אֱמֶת. אוּנ זַיין תּוֹרָה אִיז אֱמֶת. אוּנ זַיינֶע מְשָׁרְתִים זֶענֶען רֵיינֶע צַדִיקִים אֱמֶת. עֶר הָאט גֶעבֶּעטֶען נָאךְ גֶעװָאלְט בְּלַייבֶּען. נָאר עֶס הָט נִיט גֶעהָאלְפֶען. דֶער זָקֵן הָאט גֶעהֵייסֶען דֶעם מְשָׁרֵת עֶר זָאל אִיהם תֵּיכֶף אַהֵיים פִירֶען. דֶער מְשָׁרֵת הָאט אִיהם גֶענוּמֶען בַּייא דֶער הַאנְד. אִין אֵיין רֶגַע אִיז עֶר מִיט אִיהם גֶעשְׁטַאנֶען אִין װַאלְד בַּייא דֶעם בּוֹים װיא עֶר הָאט פְרֵייטָאג דִיא זַאכֶען אִיבֶּער גֶעלָאזְט. אוּנ הָאט אִיהם דִיא זַאכֶען גֶעגֶעבֶּען. אוּנ הָאט גֶעזָאגְט. קוּם אִין אֵיין רֶגַע װירְסְט דוּא זַיין אִין דַיין הֵיים.

זָאגְט דֶער מְקַדֵשׁ מֶלֶךְ אִיךְ בֶּעשְׁװֶערְ דִיךְ זָאג מִיר װיא בִּין אִיךְ גֶעװֶעזֶען שַׁבָּת. װֶער אִיז דֶער זָקֵן. װֶער בִּיסְט דוּ. װער זֶענִען דֶער עוֹלָם װָאס זֶענֶען שַׁבָּת מִיט אוּנְז גֶעזֶעסֶען. אוּנְד װֶער אִיז דֶער טוֹיטֶער װָאס מֶען הָאט אִיהם דֶעם פְּסַק גֶעמַאכְט. זָאגְט דֶער מְשָׁרֵת

קיין אנדערען מענש איך דאס ניט ערצעהלען. זען מען טאר ניט מגלה סוד זיין. נאר ווייל דוא ביסט זעהר גרויס אין אלע עולמות. אונ דר זקן האט דיך זעהר ליב. זא וועל איך דיר אלץ מגלה זיין.

זייא וויסען דאס דר זקן איז אברהם אבינו. אונ איך בין זיין קנעכט אליעזר. איך בין אויף דעם עולם געוועזען זיין קנעכט אונ אויף יענעם עולם העליון בין איך אויך זיין קנעכט. אונ די קאווע וואס איך האב דיר שבת פריה געגעבען דאס וואר ניט היים פון קיין פייער ווי נאר זיא וואר פון גן עדן. אונ דיא שוהל מיט דיא אלע חדרים וואס דו האסט געזעהען דאס איז פון זיבענטען הימעל. נאר לכבוד דיר האט מען עס אראפ גענומען צום ערשטען הימעל. אונ דער וויין פון קידוש איז פון יין המשומר. דער געהייטגער וויין פון ששת ימי בראשית פאר דיא צדיקים צו דיא סעודה פון לויתן ווען משיח וועט קומען. אונ וואס דו האסט געזעהען אין דיא שוהל אונ אויף דעם הויף חיות מיט פייגעל. דאס זענען אלץ מלאכים וואס ווערען בעשאפען פון דיא מצות פון דיא צדיקים. אונ דער חזן וואס האט אזויא שיין געדאווענט דאס איז אהרן הכהן. אונ די משוררים וואס האבען אזויא שיין געזונגען. דאס זענען דיא לוים וואס האבען געזונגען אין בית המקדש. אונ דיא אשה וואס איז אריין געקומען צום קידוש אונ דער זקן דאט איהר געגעבען אביסעל יין קידוש. דאס איז זיין ווייב. אונזער מוטער שרה. דען אזוי וויא מיר האבען א שוהל מיט לייטער צדיקים. האבען זיי אויך א שוהל מיט נשים צדקניות. אונ זייא וויסען דאס דיא צווייא זקנים וואס זענען שפעטער אריין געקומען וואס איך האב זייא צווייא שמועסען גרייט געמאכט. דאס איז יצחק מיט יעקב אבינו. אונ דיא צוועלף יונגע לייט וואס זענען שפעטער אריין געקומען. דאס זענען דיא צוועלף שבטים אונ דיא איבריגע זענען אלע צדיקים גמורים. נאר זאלסט וויסען דאס אלע מיט אנאנדער זענען נאר בלויסע נשמות. קיין איינציגער גוף איז ניט צווישען זייא. נאר לכבוד דיר דוא זאלסט ניט שרעקען, האבען זיי זיך מתלבש געוועזען מיט א לבוש עס זאל זיך דיר דענקען דאס עס זענען לעבעדיגע מענטשען. אונ דער מענטש וואס מען האט היינט גמשפט. דער איז ערשט נעכטען געשטארבען אונ גאנץ שפעט צוא קבורה געקומען. ער וואר א גדול הדור. ער האט אויס געשטעלט מעהר וויא הונדערט תלמידים וואס יעדער איז ראוי

להיות מורה הוראה בישראל . דאס הייסט ער זאל לערנען את פסקנן כלל ישראל . אונ ער וואר א צדיק גמור דיא האלבע וועלט ווער איהם האט נאר געקענט . קלאגט אונ טרויערט אויף זיין טויט . ער איז יונגערהייט געשטארבען ווייל מען ברויך איהם צום בית דין של מעלה . ער ווירד אויבען אויך זיין איינער פון דיא סנהדרין .

פרעגט דער מקדש מלך פון וועלכע שטאט וואר ער ? זאגט דער משרת ער האט געוואהנט אין דער שטאט ווייל בערג אין לאנד איטאליע . דאס איז זעהר וויט פון דאנען . דאס איז זעהר א גרויסע שטאט מיט גרויסע לומדים . נאר ער וואר דער קאפ פון אלע לומדים אונ פון אלע צדיקים . אונ וואס דוא האסט געזעהען דאס פיר ווייסע מענטשען זענען בייא איהם געשטאנען ווען מען האט איהם ארויף גערופען צום דין וחשבון . דאס זאהרען פיער היילגע מלאכים . דאס מען גיבט יעדען צדיק זייא זאלען איהם אפ היטען . אונ וואס דוא האסט געזעהען דיא שווארצע דאס זענען דיא מלאכי חבלה רח״ל . וויא איז צוא דעם מענטש וואס קומט אין זייערע הענד אריין . אבער צום צדיק האבען זייא קיין שליטה ניט .

אלזא האב איך דיר געטאן דיין רצון אונ האב דיר אלין מגלה געוועזען וואס דוא האסט נאר פערלאנגט . אונ יעצט זאג מיר וויא אהין איך זאל דיך פיהרען . דען איך האב קיין צייט . איך מוז בעדינען מיין הער . זא זאגט דער מקדש מלך איך פערלאנג זאלסט מיך אהין פיהרען אין דער שטאט ווייל בערג וויא דער געשטארבענער האט געוואוינט . זא האט ניט געדויערט איין רגע זענען זייא שוין געוועזען אין דער שטאט . ער האט איהם א שטעל געגעבען אונטער דעם בית המדרש . אונ איז נעלם געווארן דער משרת . מלך איז אליינט געבליבען שטיין . עס וואר איהם זעהר באנג צו וואס ער איז אזויא געשווינד פון דארט אוועק . אונ צוא וואס ער האט דעם משרת אזויא געשווינד פערלוירען פון זיינע אויגען . אבער עס איז נעבעך פערפאלען .

בקיצור ער גייט אריין אין בית המדרש . אונ דער מנהג איז דאך דאס מוצאי שבת גייען אלע יונגע לייט אונ אלע לומדים אונ חסידים . אין דיא בגדי שבת . אונ ווידער איז דער מנהג דאס

מוצש"ק דיצען יונגע לייט אין בית המדרש אונ לערנען . אונ דא
האט דער מקדש מלך געטראפען א פיל בית המדרש מיט מענשען
יונגע אונ אלטע . אונ אלע זענען געגאנגען אין צוריקענע קליידער
אונ עס וואר זעהר טרויעריג וויא תשעה באב . וויא ער איז אריין
געקומען זענען אלע זעהר געווארען פערוואונדערט . דען זיין פנים
האט געלויכטען וויא א בריץ נאך פון דעם נעכטיגען שבת . זייא
האבען איהם געגעבען שלום . אבער זעהר טרויריג אונמוטהיג .
ער פרעגט זייא וואס דאס באטייט . דאס זייא זענען אלע זא
טרויעריג .

זא ענטפערען זייא . ווארום זאלען מיר דען ניט זיין טרויעריג .
ווען דאס בית המקדש איז חרוב געווארען אין אונזער צייט . געכטען
זמן מנחה איז אונז אב געשטארבען דער קאפ אונ דיא קרוין פון
אונזער שטאט . דאס וואר דער גרויסער צדיק אונ חסיד אונ למדן
ווייא איז צו אונז דאס מיר האבען זאלכען טייערען אוצר פערלוירען
אונ אונזער רב פון דער שטאט איז געבעך קראנק מחמת גרויס
צער . אונ זיין ווייב מיט קינדער וועלען עס געוויס ניט אויס
האלטען דאס זייא האבען זאלכען דימאנט פערלוירען .

זא זאגט ער . איך בעט אייך פיהרט מיך אהין צו דעם הויז
וויא דער צדיק האט געוואוינט . זא האט מען איהם אהין גיפיהרט
ער איז אהין געקומען . אונ האט זיך געשטעלט אונטער דעם
פענצטער . אונ האט דורך דיא שפארע פון לאדען אריין געקוקט .
האט ער געזעהען אין לעמפער אייל ברענט . אונ אלע זיצען אויף
דער ערד . אונ קלאגען אונ טרויערען אונ וויינען . ער האט זיך
גאר ניט וויסען געמאכט אונ איז צוריק געגאנגען אין בית המדרש .
אונ האט זיך געזעצט לערנען . קיינער האט איהם ניט געקענט .
נאר אלע האבען זיך כשער געוועזען דאס ער איז א גרויסער מאן .
דען דיא שכינה מיט דיא קדושה האבען גערוהט אויף זיין פנים .

מארגען פריה האט מען געשיקט מודיע זיין אין שטאט דאס
אלע זאלען צונאנד קומען . ער ווירד מאכען א הספד נאך דעם
צדיק . זא זענען אלע געקומען אין שול אריין . מען האט זיך
געשטעלט דאוועגען דער רב פון דר שטאט האט זיך קראנקערהייט
אויף געהויבען אונ איז אויך געקומען אין שוהל צריין . דער רב
וואר אויך א גאנץ גרויסער מאן .

ויא ער האט זיך גוט געטראכט דעם אורח. זא האט ער דערקענט דאס דאס איז דער הייליגער צדיק מקדש מלך. זא איז ער גאנץ ערשראקען געבליבען. אונ איז געשווינד אראפ גגאנגען פון דיא מזרח שטאט. אונ האט געווינקען צוא אלע גרויסע לייט זיא זאלען אויך אהער גיין. אונ האט צו זיא געזאגט. איר זאלט ניט מיינען: דאס איז א מענטש. ניין. דאס איז א מלאך אלהים. ער איז דער מקדש מלך. ער איז גרויס אין אלע עולמות עליונים ותחתונים אלע זענען געבליבען ערשראקען. אונ אלע האבען זיך זעהר געפרייט דאס זיא האבען זוכה געוועזען זאלכען צדיק צוא האבען אין זייער שטאט.

נאך דעם באווענען האט זיך דער אורח געשטעלט מאכען איין הספד. אין מיטען דעם הספד האט ער דערציילט די גאנצע מעשה דאס געכטען בייא נאכט האט ער זיך מיט אידם געזעהן בייא דעם בית דין של מעלה. אונ האט ערצעהלט דאס ער האט געקריגען איין פסק אויף זיבען טאג. נאר דורך דעם לערנען וואס איך האב א גאנצע נאכט געלערנט פאר זיינעט וועגען. האט מען אוים דיא זיבען טאג געמאכט דרייא טאג. נאר מיר זאלען אלע דא בלייבען שטיין. עס זאל קיינער ניט אהיים גיין ביז מען וויירד אוים זאגען גאנץ תהלים אונ נאך יעדען ספר וויירד מען זאגען קדיש. זא וויירד מען אידם פטור מאכען פון אלעם.

דער גאנצער עולם האט מיט גרויס שמחה געשטאנען. אונ מען האט זיך תיכף געשטעלט זאגען תהלים אזויא וויא ער האט געהייסען. אונ מען האט געזאגט פינעף קדישים. אונ דער נאך איז ער אהין געגאנגען מנחם אבל זיין. אונ האט זיא געטרייסט